**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע אדמיניסטראציע באשטימונגען**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע אדמיניסטראציע באשטימונגען.

"איך בין שטאלץ צו ענטפאנגען די אויסערגעווענטליכע פובליק באדינער צו מיין אדמיניסטראציע — א גרופע מענטשן וועלכע זענען טאלאנטפול, גאר קוואליפיצירט און וועלכע שפיגלען אפ די פארשידנארטיגקייט וואס מאכט ניו יארק סטעיט שטארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין זיכער אז די מענטשן וועלן האבן אן אויסערגעווענטליכע השפעה אויף אונזער ארבעט צו מאכן ניו יארק פאר א פלאץ וואו עס איז ביליגער, באקוועמער און זיכערער צו וואוינען."

**מאריע פערנאנדעז** איז באשטימט געווארן אלץ **דעפּיוטי סעקרעטארשע פאר עדזשוקעישען**. מאריע האט לעצטנס געדינט אלץ א ראטגעבערין פאר Employment Practices Solutions, און זי איז אן עדזשאַנקט פראפעסארין ביי די פארדהעם געזעץ סקול אין זייער פראגראם פאר א מעסטערס דעגרי אין געזעץ. בעפאר די ראלע איז זי געווען וויצע פרעזידענט, הויפט פון עטיקס און געזעץ אויספאלגונג פאר Direct Energy. מאריע האט אויך געארבעט ביי International Business Machines (IBM) פאר איבער 20 יאר אין פארשידענע לעגאלע און געזעץ-אויספאלגונג פירערשאפט פאזיציעס. מאריע האט ערהאלטן איר בעטשעלאר'ס דעגרי אין פסיכאלאגיע פון לעהמאן קאלעדזש, סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק, און איר 'דזשוריס דאקטאר' דעגרי פון קארנעל געזעץ סקול. זי איז אנגענומען געווארן אין די באַרס פון די סטעיטס ניו יארק און קאליפארניע און אויך צו די פאראייניגטע שטאטן סופּרים געריכט.

**באַני לאַקוואוד** איז באשטימט געווארן אלץ **ראיאנישע דירעקטארין פון מערב ניו יארק**. באַני קערט זיך צוריק צו רעגירונג ארבעט נאכן זיין רעטייערט פאר צוויי יאר, נאכן לעצטנס דינען אלץ ספעציעלע פראיעקטן דירעקטארין פאר קאנגרעסמאן ברייען היגינס. בעפארן זיך אנשליסן אין די מאנשאפט פון דעם קאנגרעסמאן, האט באַני געדינט אין מערערע אמטן פאר די סיטי אָוו באפעלאו, אריינרעכענענדיג אלץ סאַוט דיסטריקט קאונסיל מיטגלידערין, פעדעראלע/סטעיט פינאנצירונג קאארדינעיטאר פאר סטראטעגישע פלאנירונג און האוזינג און אלץ געגנט ספעציאליסטין אין די אפיס פון קאמיוניטי אנטוויקלונג. באַני האט אויך געארבעט צו שטיצן איר קאמיוניטי דורכן דינען אלץ א באורד מיטגלידערין פאר די באפעלאו וויסנשאפט מוזעאום און Goodwill Industries, און אזוי אויך זייענדיג א מיטגלידערין פון Gerard Place, די 'היימלאזע אליאנס פון מערב ניו יארק' און סאַוט באפעלאו קאמיוניטי Table Get Together. באַני האט ערהאלטן א בעטשעלאר'ס דעגרי פון מעדעיל קאלעדזש און אן אסאָוסיעיט'ס דעגרי אין פראקטישע וויסנשאפט פון טראָוקעיר קאלעדזש.

**אלבערט פּולידאָו** איז באשטימט געווארן אלץ **דעפּיוטי סעקרעטאר פאר פינאנץ און טעכנאלאגיע**. אין די פארגאנגענהייט האט אלבערט געדינט אלץ דירעקטאר פון סיטי אפעראציעס פאר די ניו יארק סיטי מעיאר'ס אפיס, וואו ער איז געווען פאראנטווארטליך צו איבערזעהן די סיטי'ס טעכנאלאגישע סיסטעמען, און אזוי אויך צו איבערזעהן די סיטי'ס געהאלט באצאלונג, רעקארד פארוואלטונג, איינקויפונגען פון

סערוויסעס און פראדוקטן און ריעל עסטעיט אפעראציעס. ער האט איבערגעזעהן דאס איינפירונג פון מערערע אינציאטיוון מיט די ציהל צו מאדערניזירן די סיטי'ס טעכנישע אינפראסטרוקטור און פארברייטערן צוטריט צו שנעלע אינטערנעט. אלבערט האט א בעטשעלאר'ס דעגרי אין ענגליש פון קארנעל אוניווערסיטעט און א מעסטער'ס דעגרי אין פיקציע שרייבערשאפט פון די אייאווע שרייבערס'ס ווארקשאפ אין אייאווע אוניווערסיטעט. ער איז א פערו-אמעריקאנער פון די ערשטע דור און א שטאלצע פאטער פון צוויי אינגלעך.

**עליזאבעט רויל** איז באשטימט געווארן אלץ **דעפיוטי סעקרעטארשע פאר נעיטיוו פעלקער**. עליזאבעט איז אן איינגעשריבענע בירגערין אין די 'טשיקעסאו' פאלק, און זי איז אן אסיסטענט פראפעסארין וואס ספעציאליזירט זיך אין נעיטיוו אמעריקאנער שטודיעס ביי אמעריקען אוניווערסיטעט. בעפארן זיך אנשליסן מיט די אמעריקען אוניווערסיטעט האט עליזאבעט אנגעפירט דזשארדזש וואשינגטאן אוניווערסיטעט'ס צענטער פאר ארטיג-אפשטאמיגע פאליטיק און פאליסי. זי האט ערהאלטן איר בעטשעלאר'ס דעגרי פון יעיל אוניווערסיטעט און איר מעסטער'ס און דאקטאראט פון בראון אוניווערסיטעט.

**אַנהעל וועזקעז** איז באשטימט געווארן אלץ **געהילף סעקרעטאר פאר אנגעלעגנהייטן צווישן רעגירונגען**. אַנהעל האט לעצטנס געדינט אלץ דעפיוטי פאליטישע דירעקטאר און סיניאר פאליסי ראטגעבער פאר די פאראייניגטע פעדעראציע פון לערער. בעפאר די ראלע האט ער געדינט אלץ טשיעף אָוו סטעיף פאר ניו יארק סטעיט סענאטארשע מעריסאל אלקאנטארא און אלץ עדזשוקעישען פאליסי אנאליסט פאר די ניו יארק סטעיט סענאט מאיאריטעט קאנפערענץ. אַנהעל האט ערהאלטן זיין בעטשעלאר'ס דעגרי אין אינדוסטריאלע און לעיבאר באציאונגען פון קארנעל אוניווערסיטעט און א מעסטער'ס אין פובליק אדמיניסטראציע פון קאלאמביע אוניווערסיטעט'ס סקול פון אינטערנאציאנאלע און פובליק אנגעלעגנהייטן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן